**גוט שבת אלע אידן.** די הייליגע תורה דערציילט די וואך אז ווען רבקה האט געהאט א שאלה אין עניני רפואה, איז זי געגאנגען צו דעם צדיק "שם" צו פרעגן אן עצה. זאגט רש"י אויפן פסוק "ויאמר ה' לה", אז די תשובה צו רבקה'ס שאלה איז געזאגט געווארן דורך דעם צדיק "שם" וואס האט גערעדט מיט רוח הקודש. פון דא זעט מען דעם ענין פון גיין שואל עצה זיין ביי צדיקים, ווייל עס זענען דא צדיקים וואס זענען זוכה צו געבן עצות מיט א בחינה פון רוח הקודש. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אז רבקה איז געגאנגען צום צדיק "לדרש את ה'" – צו בעטן אן עצה כביכול פונעם אייבערשטער אליינס, און די תשובה איז געקומען צו איר דורך דעם צדיק. די פאלגענדע מעשה ווייזט ווי איין איד האט נהנה געווען פון גיין פרעגן אן עצה פון א צדיק.

דער מעשה איז געשען מיט א ספרדישען בעל תשובה אין ארץ ישראל. לאמיר רופן דעם בחור "יוסי" (נישט זיין עכטע נאמען). יוסי איז אויפגעוואקסן נעבאך אן קיין תורה, און אן קיין אידישקייט. פאר דער בחור איז געקומען לערנען אין די "ישיבת הנגב" אין באר שבע, האט ער געדינט אין די ארץ ישראל'דיגע ארמיי. נאר ווען ער איז געווען אין די "צבא" אין תשל"ח האט ער ערשט אנגעהויבן צו ווערן א בעל תשובה.

דאווענען איז איינע פון די ערשטע זאכן וואס ער האט פרובירט זיך צו פארבעסערן ווען ער האט אנגעהויבן צו ווערן א ב"ת. פארשטייט זיך אז א סאלדאט האט נישט אסאך איבריגע פרייע צייט. וועגן דעם האט יוסי געדארפט זיך אריינכאפן און דאווענען ווען ער האט געהאט צייט. דורך דעם איז אסאך מאל אויסגעקומען אז ער האט פארשפעטיגט זיין משמר, וכו'.

זיין פרייער אפיסער אין דער ארמיי האט נישט געזען דעם חשיבות פון דאווענען. "שטיי אויף פריער אויב דו ווילסט דאווענען..." האט דער אפיסער געזאגט מיט א שטרענגקייט צו יוסי, "דו קענסט נישט קומען שפעט נאר ווייל דו דארפסט דאווענען!"

צוביסלעך איז דער אפיסער געווארן מער און מער אויפגערעגט אויף דעם בעל תשובה. עס איז געווען גענוג שווער פאר יוסי צו אריינכאפן א דאווענען. יעצט אבער, האט יוסי געדארפט קריגען זיך מיט דעם אפיסער וואס האט זיך אים קעגנגעשטעלט אויף יעדע זאך. דער אפיסער האט געוואלט אים באשטראפן וועגן דעם דאווענען.

איין ראש חודש, האט דער אפיסער געזען זיין געלעגנהייט צו מוסרן דעם בחור יוסי. צוליב דעם לענגערען דאווענען פון ר"ח, איז יוסי געקומען גאר שפעט צו זיין משמר. יענער אפיסער איז געשטאנען לעבן דעם אריינגאנג פונעם בנין ווען יוסי איז אנגעקומען א האלבע שעה שפעט. "אזוי?!?" האט דער אפיסער געזאגט מיט א גאות אין זיין קול "די מאל גייסטו באצאלן פארן קומען שפעט!" דער אפיסער האט גלייך געשריבן א ראפורט קעגן יוסי און ער האט עס אריינגעגעבן פאר די העכערע באאמטער אין דעם ארמיי.

באלד דערנאך האט מען געברענגט דעם סאלדאט צום מיליטערישען משפט. יוסי האט געזאגט פארן שופט אז זיין איינציגסטע פארברעכן איז געווען אז ער איז א בעל תשובה און ער וויל דווקא דאווענען מיט א מנין אין ראש חודש. "דאס איז די איינציגסטע סיבה פארוואס איך בין געקומען אזוי שפעט!" דער שופט האט געהאט "רחמנות" אויף יוסי און ער האט אים נאר געגעבן 7 טעג אין לאגער – אן ארמיי תפיסה, אנשטאט די 14 טעג וואס ער האט געפלאנט אים צו געבן.

ביים ענד פונעם משפט איז געקומען צו יוסי זיין אפיסער, דער וואס האט אנגעהויבן מיט אים. דער פרייער אפיסער האט געטראגן א שמייכל אויף זיין פנים, ווייל זיין הבטחה איז מקוים געווארן אז יוסי וועט זיצן אין תפיסה.

פארשטייט זיך אז יוסי האט נישט מסכים געווען מיט דעם פסק. ער האט עס אנגעקוקט אלס א גרויסע אומרעכט און רדיפות אויף. באלד דערנאך איז ער אנטלאפן פון תפיסה. פאר ער האט זיך געכאפט דעם הארבקייט פון וואס ער האט געטון, איז עס שוין געווען צו שפעט. ווייל די פאליציי האט אים נאכגעלאפן דורך די וועלדער לעבן דעם ארמיי לאגער. די פאליציי האט געשטעלט א גרויסע "נעץ" ארום די שטאט מיט אסאך פאליציי, אבער ב"ה, זיי האבן נישט געכאפט דעם בחור.

יוסי האט געדארפט זיך באהאלטן, ווייל די פאליציי האט אים געזוכט. ב"ה אז ער האט געקענט אויסנוצען זיין פרייע צייט צו גיין לערנען אין א ישיבה דעם גאנצען טאג. אפילו די פאליציי זענען געקומען צו זיין הויז, איז ער קיינמאל נישט געפינען געווארן דארט. צוביסלעך איז ער געווארן אן עכטער ישיבה בחור, אפילו די פאליציי האט אים געזוכט איבעראל. פון מאל צו מאל האט ער באזוכט זיינע משפחה באהאלטענערהייט. דאס אלעס האט געדויערט עטליכע חדשים. ביז איין טאג ווען יוסי האט זיך מיישב געווען אז ער קען נישט מער לעבן אזוי באהאלטענערהייט.

א חבר האט אים פארגעשלאגען צו נעמען אים צום באבא סאלי'ן, רבי ישראל אביהצירא זצוק"ל אין דעם שטאט נתיבות לעבן באר שבע. איין טאג דערנאך זענען יוסי מיט זיין חבר געגאנגען צו דעם צדיק דעם באבא סאלי זי"ע. זיי האבן אלעס מסביר געווען פארן גבאי רב אליהו, וואס איז נאכדעם אריינגעגאנגען צום רבין צו דערציילן דעם מעשה צו אים.

דערנאך איז דער גבאי ארויסגעקומען און ער האט געזאגט צו זיי, "דו קענסט אהיימגיין. דער רב זאגט אז ווען א איד דאווענט מיט א מנין, גארנישט שלעכטס קען פאסירן. עס גייט נישט ארויסקומען קיין שאדן פון אזא מצוה! דאן האט דער גבאי איבערגעגעבן א פלאש וואסער פון וואס דער רבי האט געטרויקען, ד"ה שיירים.

מיט דעם פלאש וואסער אין זיין האנד זענען יוסי מיט זיין חבר ארויסגעגאנגען פונעם באבא סאלי'ס הויז. יוסי האט געגלייבט די ווערטער פון דעם צדיק. וועגן דעם האט ער גלייך געכאפט א באס צוריק צו דעם ארמיי לאגער וואו ער האט געדינט. ער האט נישט געהאט קיין מורא.

ווען ער איז אנגעקומען צום לאגער, האט ער גלייך געטראפן יענעם אפיסער, דער וואס האט אים גערודפט. דער אפיסער איז געווארן איבערראשט צו זען דעם סאלדאט וואס איז פלוצלינג צוריקגעקומען נאך אפאר חדשים וואס די פאליציי האבן אים געזוכט, און דער סאלדאט האט זיך געמאכט אזוי ווי גאר נישט איז געשען.

דער אפיסער האט אים אנגעכאפט און ער האט אים געזאגט אז די מאל וועט מען אים אוועקשיקען אויף 6 חדשים! פלוצלינג האט דער אפיסער געזען אז יוסי האלט פעסט א פלאש וואסער. "וואס איז דאס?" האט ער געפרעגט יוסי.

"ס'איז וואסער פון רב ישראל אביהצירא," האט יוסי געזאגט רוהיגערהייט. "צו דען מיינסטו נישט אז עס איז אביסל משוגע, צו מאכן אזא גרויסע עסק וועגן אפאר מינוט וואס איך בין געקומען שפעט? אלעס וואס איך האב געוואלט טון איז דאווענען מיט א מנין!" האט יוסי געזאגט ווייטער, "דער באבא סאלי האט געבעטן אז דו זאלסט מוחל זיין מיין "עבירה" ווייל ס'איז געשען נאר דורך דאווענען מיט א מנין ראש חודש!"

ווען ער האט געהערט די ווערטער, האט דער אפיסער פלוצלינג אויפגעהערט צו שרייבן זיין ראפורט, און ער האט געפרעגט "איז דער באבא סאלי פארפלאנטערט אין דעם?" דער בחור האט אים געוויזן "יא" מיט זיין קאפ.

"דעמאלט," האט דער אפיסער געזאגט, "איז דא גארנישט וואס איך קען טון. לויט מיין פארשטאנד איז אלעס שוין ערלעדיגט געווארן. יעצט, אז אלעס איז בסדר צווישן אונז, זיי אזוי גוט, און געב מיר צו טרינקען אביסל פון דעם וואסער, ביטע!" **גוט שבת אלע אידן.**

<u>מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת נישואין של נכדו גדליה יעקב לייב שליט"א בן חתנו הרה"צ רבי אליעזר שליט"א</u>

נתרם לרפו"ש של שאשא מלכה בת גאלדא, ציפורה בת רחל, מינדל בת רבקה, ר' מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא, צבי בן חנה בתשח"י

לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לע"נ עמרם בן שמעון ע"ה • לע"נ בלומא יוכבד בת אברהם צבי ע"ה • **כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו** (שבת קיח:)

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)